STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08966

LIDER

Myer Segal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר סעגאַל — לידער

מאיר סטעגאַל

לידער

ניו־יאָרק 1985

MEYER SEGAL

LIDER (POEMS)

Copyright
by
MEYER SEGAL
1985

פונעם זעלביקן מחבר:

נאָענטע ערד

מאיר סעגאַל, לאָנדאָן 1984

אינהאַלט

זײַט

פאָרוואָרט........ 9

ש. ניגער — מאיר סעגאַל........ 13

ערשטע אָפּטײלונג — I

עפּעס וועגן באַשאַף........ 25

פאַר גאָט אַלײן........ 26

פון טיפער פינצטערניש........ 29

אַן איבערגעלאָדענע ערד........ 30

ווינטער בית־עולם........ 31

און דער וויסנשאַפטס־מאַן דערצײלט........ 33

איך וועל זײַן אײַער טרערן־וואָלקן........ 35

נאָך אַ מאָל דערהערן ?........ 36

צווייטע אָפּטײלונג — II

וועגן פאַרלוירענע, פאַרגעסענע זאַכן........ 39

נײַערע מקומות........ 40

געדאַנקען........ 41

אָנדענק־ליד........ 42

עס טרעפט אַ מאָל........ 43

דער קאַלטער ווינט........ 44

אַן אויג........ 45

אַ דריטער טײל אין פורעם........ 46

איך אין ווינטער........ 47

אַלטע וועלף אין ווינטער........ 48

באַרטלעטס באַרנעס........ 49

אַזאַ מין מאָדנע שרעק........ 50

ווער?........ 51

אײביקײטן........ 52

אָנוואונק פון טויט........ 53

צו אַ סטעטן אײלענדער מײדל........ 54

עפּעס ווערט אַזוי נעפּלדיק........ 55

איבער אַמסטערדאַמער גאַסן........ 56

נישטאָ דער פאַרריכטער........ 57

דריטע אָפּטיילונג — III

זייט

אַזאַ ליכט האָט נאָך גאָט אַליין נישט געזען........ 61
ערשטעליידן אויף דער ערד........ 65
איך קוק אַרויף צו דער זון........ 67
אינדערפרי........ 68
באַגלייטן........ 69
אויסקריצן........ 70
קרומקייטן און גלייכקייטן........ 71
פרייד צום מענטש........ 72
אַליין שטייט דער ברונעם........ 73
באַשאַף........ 75
ווען אָוונט־צייט קומט........ 76

קריטיק־אָפּטיילונג — * * *

ש. ניגער........ 79
ש. ניגער........ 80
ש. ניגער........ 82
ש. ניגער........ 84
ה. לייוויק........ 86
ה. לייוויק (בריוו)........ 87
שלום אַש (בריוו)........ 88

פאָרוואָרט

אין מיין טיש־קעסטל האָבן זיך אָנגעזאַמלט צענדליקער רעצענזיעס, לענגערע נאָטיצן, וואָס מען האָט געשריבן וועגן מיין בוך „נאָענטע ערד" און וועגן מיינע אַנדערע לידער. איך דערמאָן בלויז געציילטע נעמען פון זיי: ד"ר א. מוקדוני, קלמן מרמר, י. קיסין, י. באָטאָשאַנסקי, ד"ר ש. ביקל, א. לעיעלעס, ה. לייוויק, ש. ניגער און אַנדערע. עס האָבן זיך אויך אָנגעזאַמלט בריוו פון: ה. לייוויק, שלום אַש, מנחם באָריישאָ, ש. ניגער, ל. קאָברין, מלך ראַוויטש און פון אַנדערע פּאָעטן און שריפטשטעלער. איבער יעדן איינעם פון זיי טרויערט שוין לאַנג דער מצבה־שטיין און זייערע ליידן אויף דער ערד, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אין דער אייביקייט.

די אַרטיקלען אין די צייטונגען, זשורנאַלן, בריוו, פּאַרגעלן... פון אַלע אַרטיקלען און בריוו פּאַרעפנטלעך איך בלויז דאָס אַרטיקל פון ש. ניגער וועגן מיין בוך און ה. לייוויקס און ש. ניגערס אָפּרופן וועגן מיינע אַנדערע געדרוקטע לידער.

איך פּאַרעפנטלעך אויך צוויי בריוו פון ה. לייוויק און שלום אַש צו מיר. איך טו עס צוליב דעם וואָס אַ סך אַריבערגעקומענע סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער און פּאָעטן, וואָס געפינען זיך איצט אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, זאָלן זיך קענען מער באַקענען מיט מיינע פּאָעטישע שאַפונגען און מיט אַ טייל, פון דעם וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן מיר און מיינע לידער.

אין דעם בוך זענען אַריין נייע לידער וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. איך האָב בלויז אַרויסגענומען פון לייוויק־אָפּאַטאָשוס „זאַמלביכער" עטלעכע פון מיינע לידער, וואָס קומען דאָ אַריין צום ערשטן מאָל אין מיינס אַן אייגענער זאַמלונג.

מאיר סעגאַל

ש. ניגער

מאיר סעגאל

ש. ניגער

[illegible]

מאיר סעגאַל

פון ש. ניגער

מאיר סעגאַל האָט זיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אין אַ יתומים־הויז אין פוילן. פון דאָרט איז ער, אינאיינעם מיט אַנדערע קרבנות פון קריג, געבראַכט געוואָרן קיין קאַנאַדע. און אויף דער ווי אויף יענער זייט ים איז ער געווען ווייט פון מענשן און נאָהענט צו דער נאַטור. אַזוי נאָהענט איז ער צו דער נאַטור, אַז דער וואַלד — דוכט זיך, לייענענדיג זיינע לידער — איז זיין צווייטע היים.

זיינע וואַלד־לידער זיינען, אַזוי ווי זיינע לידער וועגן דעם יתומים־הויז, אויטאָביאָגראַפיש...

עס שמעקט דער וואַלד מיט בלעטער, ניס און ווינט,
און ס׳ציטערט־אויף די טונקעלקייט, גיסט זיך אָן מיט ליכט.
אין אַלץ, וואָס גייט אויף אין ריח פון ערשטן ווינט
דערקען איך מיין טרויעריג געזיכט.

מיין טרויעריג געזיכט אין פורעם פון באַשאַף,
אַראָפּצולאָזן זיך מיט פּנים און מיט קני
צו ערד, צו וואַלד, צו זון
פאַר׳ן באַשאַף פון ערשטען אינדערפרי.

עס גייט דער וואַלד אַריין אין ווייטן טאָג,
און ס׳גייען־מיט די וועגן קרומע פונ׳ם וואַלד אַרויס.
אָ, גאָט, באַהיט די מענשן פון די גאַסן,
וואָס איך האָב פאַרלאָזט,
וואָס גייען איצט, ווי איך, פון בענקשאַפט אויס.

זיי ווילן אויך, ווי איך, צוריק אין שטומען וואַלד.
צום אָוונטיגען גלי, וואָס לאָזט זיך אויס
אין ווייטן פלאַם.
זיי ציען אין מידקייט אויס די בלוטיג־דאַרע הענט
צוריק צום טיפען, אייביג אַלטן שטאַם.

מאיר סעגאַל

אָ, נעם אונז אין זיך אַריין, דו ווילדער וואַלד,
און גיב אונז אָפּ צוריק דאָס שטומע שווייגן.
נעם דאָס מעסער אָפּ, די האַנט, וואָס גיסט מיט בלוט,
און דעק אונז ווידער איין אונטער דיינע צווייגן. (זייט 76)

דאָס בעטן זיי, „די מענשען פון די גאַסן״. ער בעט עס נישט. ער דאַרף דעם וואַלד נישט בעטען ער זאָל אים ווידער איינדעקען אונטער זיינע צווייגען און אים צוריקגעבען דאָס שטומע שווייגען. ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם וואַלד׳ס שווייגען, אים זיינען נישט פרעמד אויך די קולות פון וואַלד. ס׳איז נישט אַזוי סתם מליצה, ווען ער זאָגט (אין אַ אַנדער ליד):

אָ, וואָס׳זשע קלאָגסטו, בייזע חיה?
אין טיפקייט שוין אַוועק די האַלבע נאַכט
שוידערסט אויף, שאָקלסט אָפּ די פייכטקייט פון דיין פעל,
נעם אַרום מיך, — לייג דיין לאַפּע אויף מיין האַלז,
איך האָב אויך, ווי דו, קיין היים, קיין שוועל.

לאָמירביידע אַזוי זיך טיפער איינגנורען אין גרוב
און אויפגעהן איבער אונז וועט דאָס קראַנקע ליכט.
מיר האָבן דאָך די זעלבע אויגען, די זעלבע פיס —
און אויך דאָס שטום און טרויעריג געזיכט. (ז. 17)

דאָס איז נישט סתם אַזוי גערעדט. עס איז ביי מאיר סעגאַל׳ן אַ טיפע איבערלעבונג — אָט דאָס, וואָס די חיה אין וואַלד און ער האָבן „די זעלבע אויגען, די זעלבע פיס — און אויך דאָס (זעלבע) שטום און טרויעריג געזיכט״. דאָס מיינט נישט פאַרווילדעווען זיך אָדער די חיה פאַרמענשליכען, דאָס מיינט נאָר — נאַטירלעכע נאָהענטקייט צווישן זיין לעבן און דעם לעבען אין וואַלד... ווען האָט ער אָט די נאָהענטקייט דערשפּירט? זעהר פרי.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגענט אין קאַנאַדע — און ער איז געווען נאָך דאַן זעהר יונג — איז זיין געזיכט שוין געווען „טרויעריג און שטום״. אָבער סיי זיין טרויער, סיי זיין שטומקייט האָט געהאַט שוין אַ שפּראַך — די שפּראַך פון לידער.

לידער

זי איז געווען נאָך זעהר איינפאַך, אַזוי איינפאַך, אַז קינדער האָבן זי געקאָנט פאַרשטעהן — און איך האָב פאַרעפענטליכט די פערזען אין „קינדער־זשורנאַל".

ווען איך האָב דאָ נישט לאַנג באַקומען זיין ערשטע לידער־זאַמלונג — „נאָהענטע ערד" — איז מיין ערשטער וואונש געווען צו זעהן, ווי ווייט ער איז אַוועק פון דער קינדהייט־(אין „קינדער־זשורנאַל") פּאָעזיע, און נאָך איידער איך האָב דאָס בלויע ביכעלע געלייענט, האָב איך עס געבלעטערט, געכאַפּט אַ קוק דאָ און אַ קוק דאָרטן. און איך בין געווען איבערראַשט ווי אַ פאָטער, וואָס פּלוצלינג דערוויסט ער זיך, אַז זיין קינד איז אַ דערוואַקסענער מענש.

כ'האָב פריהער שוין געלייענט מאיר סעגאַל'ס לידער אין זשורנאַלן און זאַמעלביכער — און כ'האָב געוואוסט, אַז זיין שטומקייט איז געוואָרן וואָרט, — אַ וואָרט, וואָס „טוט אין פינסטערניש זיך צינדען". כ'האָב אין דעם בלאָנדזשען און אין דער איבערגעשראָקענקייט פון זיינע בליקן נישט איינמאָל שוין געלייענט, אַז —

> די נאַכט האָט פייער, די נאַכט האָט פלאַמען,
> און איך ברען אויך אין איהר אַריין.

עס איז פאַר מיר נישט געווען קיין סוד, אַז אָט דאָס שטילע בחור'ל ברענט שטומערהייט אַריין אין עפּעס אַ פייערדיגער נאַכט, אַז ער זעהט זעהונגען, אַז ער הערט, וואָס נישט אַלע הערן. און אַז ער האָט שוין לאַנג אַוועקגעבלאָנדזשעט פון זיין אַמאָליגער וואָרט־איינפאַכקייט. פונדעסט־וועגען האָב איך זיך נישט געריכט צו טרעפען אַזוי אָפט צווישען די בלויע טאָוולען פון זיין „נאָהענטער ערד" אַזוינע אויסערגעוועהנליכע שורות...
איך האָב געבלעטערט און געלייענט און נאָך אַמאָל געלייענט:

> עס שטייען ביימער הינטער וואָלקנס,
> נאַקעט, ווי ריטער.
> גאָט, עס וויינט אַריין מיין טרויער
> אין דיר — דעם אייביגן היטער.

(ז. 8)

מאיר סעגאַל

גאָט ווערט לעצטנס ביי אונז אָפּט — שוין צו אָפּט — דערמאָנט, אָבער — „גאָט, עס וויינט אַריין מיין טרויער אין דיר" — דאָס וואָלט נישט יעדערער געקאָנט זאָגען. דאָס איז אַזוי פּשוט — און גאָרנישט אַזוי פּשוט. מאיר סעגאַל קאָן זאָגען, וואָס ער ווייס — און אַפּילו וואָס ער ווייס נישט, און דאָס איז דאָך דער וואונדער פון פּאָעזיע. מיר פאַרשטעהען, וואָס מיר לייענען ביי מאיר סעגאַל׳ן, אַפּילו ווען מיר פאַרשטעהען נישט. און דאָס איז דאָך, וואָס מיר זוכען ביי אַ פּאָעט. מיר לייענען בלעטערענדיג „נאָהענטע ערד":

די טעג פון געשיכטע אין פינצטערניש לויכטען,
כאָטש ס׳איז נאַכט איצט און אַלץ אַזוי ווייס.
ברענענדע שטערן, העלע לבנה —
באַלויכט איהר אונזער אימה׳דיגע צייט.

(ז. 9)

ס׳איז נאַאיוו, שיר נישט אומבאַהאָלפען, פונדעסטוועגען וואָלט זיך אונז אויך וועלען ווענדען זיך צו דער העלער לבנה און צו די טונקעל־ברענענדיגע שטערען און בעטן זיי, זיי זאָלן באַלייכטען, אויב זיי קאָנען, אונזער אימה׳דיגע צייט.

דאָס ליד פון וואַנען די שורות זיינען גענומען, איז שלעכט אויפגעבויט, דער סטיל איז נישט אויסגעהאַלטן, דער ריטם איז צווייפעלהאַפטיג, אָבער יעדע סטראָפע באַזונדער — און אַפּילו אַלע סטראָפעס אינאיינעם — פאַרשטעהען מיר נישט פאַרשטענדיג און מיר פילען, אַז נאָר אַן עכטער פּאָעט קאָן זאָגען:

דאָס וואַסער איז ריין. די כוואַליעס פאַרשוימען.
די שטראָמען זיך גיסען אין רויטקייט אַריבערן ברעג.
אָ, קייטעלט זיך רינגען, רינגען פון טרויער,
שטאַרקער אין אונזערע בלוטיגע טעג.

שטאַרקער די רינגען, נאָך שטאַרקער די קייט.
געבונדענע העלזער, צעריסענע הענט...
ים׳ען און טרערען קאָנען פייער פאַרלעשן —
די קייט וועט בלייבען אין אייביגען בלענד.

(ז. 10)

לידער

וואָס מיינט ער — „אין אייביגען בלענד"? איך ווייס נישט וואָס דאָס איז, אָבער איך ווייס אינאיינעם מיט מאיר סעגאַל'ן, אַז — „די קייט וועט בלייבן אין אייביגען בלענד." איך גלויב אים, ווען ער זאָגט, אַז —

אין אַלע הייזער, אין אַלע שויבען ברענען שוין פייערן,
די הייליגסטע מינוטען ציטערן אַריין אין שפּעטער שעה,
מיין בענקשאַפט ציטערט אויך אַריין אין אָוונט
און אינ'ם ברענען בין איך אויכעט דאָ.

(ז. 14)

מיר אַרט אַפילו נישט אָט דאָס „אוֹיכעט", כאָטש איך וואָלט עס נישט וועלען האָבן אין אַ ליד. מיר דוכט, אַז, פאַרקערט, דאָס מאַכט דאָ נאָך זיכערער, אַז „אינ'ם ברענען איז ער אויכעט דאָ". דאָס, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלט עס געווען בלויז אַ סימן פון אומבאַהאָלפענקייט, איז ביי מאיר סעגאַל'ן פול מיט עפּעס אַ שטומער איבערצייגונגס־קראַפט, בפרט נאָך, אַז עס טרעפען זיך ביי אים פערזען, וואָס זיינען מייסטערהאַפט — אַ שטייגער:

אידן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן,
אידן, וואָס שווייגען צו גאָט.

(ז. 44)

מאיר סעגאַל אַליין איז איינער פון די אידן, וואָס שווייגן צו גאָט. איינער פון די ווינציגע ביי אונז, וואָס אַז זיי דערמאָנען גאָט'ס נאָמען, דערמאָנען זיי עס נישט לשוא. איך האָב עס געפילט, ווען איך האָב געבלעטערט זיינע לידער און געלייענט אַ סטראָפע דאָ און אַ סטראָפע דאָרטן. כ'בין נאָך זיכערער געוואָרן אין מיין איינדרוק, ווען איך האָב געזעהן, אַז ער האָט אויך גאַנצע לידער, וואָס זיינען שטיל־תפילה'דיג, און אַז דאָס זיינען תפילות, וואָס ער זאָגט זיי צום ערשטן מאָל — מיט דער פרישקייט פון ערשטן מאָל — כאָטש ס'איז קיין נייעס נישט צו הערען זייער תהילים'דיגען טאָן אין אַ ליריק, וואָס איז די יורש'טע פון תהילים.

ס'איז קיין נייעס נישט צו הערען פון אַ אידישן דיכטער, אַז זיין געשריי „איז נישט קיין געשריי אַזאַ דורך פינסטערע שויבען, ס'איז אַ יאָמער פון דורות — דורך טויזענטער יאָרען" —

מאיר סעגאַל

פאַרוואָס מיר זיינען נאָך אַלץ געבליבן בלינדע
שטייען אַזוי, אין אייביגען געבעט, אויף די קני.
מיר, די אייביגע בעטענדיגע בעטלער, גאָט —
וואָס זוכען דיך איבער דער וועלט
אינ׳ם ליכט פון יעדן אינדערפרי.

דיך זוכענדיג, הילען מיר זיך אין טליתים,
בינדען אונזערע הענט, די צעקנייטשטע
שטערנס אין תפילין.
מיר הערן נאָך פונ׳ם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש,
פון די לויים דאָס שיינע טרויעריגע שפּילן.

איצט שרייען מיר ווידער צו דיר דורך מעכטיגע פייערן
און ברענען ווי אַלט־ירושלים אין ווייטען אַמאָל,
די לבנה אין איר ליכט געהט דורך די שוואַרצסטע וואָלקנס
און פאַרגיסט אויך איר שיין אינ׳ם פונסטערסטן טאָל...

כאָטש איך ווייס, איך ווייס, אַז נישט סתם אַזוי געהט די לבנה,
נאָר ס׳איז אין איהר דויער אַ טיפערער זין פאַראַן:
איבער וויסטע פעלדער, אין אונזער אָנהויב וואָגל,
שוין האָט לבנה צוזאַמענגעגאָסן זיך מיט אונזער ערשטען שפּאַן.

איצט איז נאַכט, טיפסטע, שפּעטסטע נאַכט —
און מיך, דעם שרייענדיגען, שלינגט זי מיט אַלע קולות איין:
די נאַכט האָט פייער, די נאַכט האָט פלאַמען
און איך ברען אויך אין איהר אַריין.
(ז. 16)

און מיר גלויבן, אַז ער ברענט אין דער ברענענדיגער נאַכט אַריין. כאָטש אַ סך פון די ווערטער און די טענער, וואָס מיר האָבן געהערט, האָבן מיר שוין פריהער געהערט פון — ה. לייוויק.

מיר גלויבען אין מאיר סעגאַלס אייגענאַרטיגקייט. מיר גיבן נישט צו קיין באַדייטונג זיין איינזאַפּן אין זיך וואָס ער געפינט ביי אַנדערע דיכטער,

אַבי ער זאַפּט עס איין אין זיך, און עס ווערט זיינס. זיינס איז דאָס שטאַמלען, וואָס ער שטאַמעלט. זיינס איז אויך דאָס וואָרט, וואָס איז קלאָר.

איך האָב געבראַכט ביישפּילן פון זיין לירישען שטאַמעל. אָט זיינען מוסטערן פון קלאָרקייט:

פרייטאָג־צונאַכט. שבת׳דיגע ליכט דורך די פענסטער,
שטיינערנע גאַסן פלעמלען אין הייליגן רויט:
גוטע מענטשן, עפּנט אויף די טירן,
שענקט אַ שטיקעל חלה, אַ שטיקעל ברויט.

נאָר הינטער פענסטער איז ליכטיג און וואַרעם,
אויף טירן — שניי און שלעסער.
איבערן הימעל די פולע לבנה
פאַרקיילעכט זיך רונדער און גרעסער.

און ס׳שרעקען אין ווייטקייט די שאָטענס,
זיי ציען אין האַרץ אַזוי באַנג:
אָ, גרויסער, הייליגער שבת
פון קידוש, חלה און געזאַנג. (ז. 26)

דאָס איז, אויב איך האָב קיין טעות נישט, פון סעגאַל׳ס ערשטע לידער — פון די יאָרן, ווען ער האָט נאָך באַנוצט דערהויפּט זיינע דרויסענדיגע חושים. און אָט זיינען פערזען פון די ערשטע יאָרן, ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין זיך אַליין, און ער קוקט שוין אַפילו אויף דער דרויסענדיגער וועלט — פון אינעווייניג. ער זעהט: „שאָטענס פון בוימער אויף אָווענדיגער ערד, נאַכט קומט אָן פון וועלדער, נאַכט פון טיפע ווינטן.״ ער זעהט דאָס אַלץ, אָבער ער באַנוגענט זיך שוין נישט דערמיט, וואָס ער זעט מיטן אויג. ער גיט צו: „טרויעריג לעבען מיינס צווישען שטערען און גליהענדיגע וועלדער — וואָס שטומסטו איצט אַריין אין אייביג אַלטע צייטן?״ (ז. 66) אין די שטערן און די וועלדער פילט ער שוין איצט מער ווי שטערן און וועלדער: ער פילט, ווי זיין לעבען שטומט אַריין אין אייביג אַלטע צייטן, אינאיינעם מיט די שטערען און די בוימער שטומט ער אַריין אין דער אייביגקייט. ער פרעגט בלאָדזשענדיג ביינאַכט אין וואַלד:

מאיר סעגאַל

וואָס טו איך איצט אַליין ביינאַכט אָט דאָ אין וואַלד?
און וואָס האָט מיך געבראַכט אין בלאָנדזשעניש אַהער?
ס'רייסען פון די בערג זיך שטיקער, שטויביג אָפּ
און ענטפערן מיר שטיינערדיג און שווער.

נאָר איך פאַרשטעה דעם ענטפער פון די בערג, פון שטויב.
כ'ווייס: אייביג איז דאָס פורעמען פון דער נאַטור,
אייביג דאָס צעפאַלען.
ס'קומט דער מאָרגען, בינדט די זון זיך ווידער אָן —
אָן דער ערד מיט אַלע אירע ברענענדיגע שטראַלען.

נאָר פאַר מיר, דעם מענטש דעם עלענדען, איז אַלץ נאָך סוד.
איז אַלץ נאָך וואַלדיג שעהנער טרוים.
אָ, לאָז מיר כאַטש אין וויטען הימעל, גאָט,
אַ שטערן זיין, וואָס לעשט זיך און פאַלט אין רוים.

ס'וועלען דאָ אַ גאַנצע נאַכט די רעגענס
אין גרויקייט אַלץ פאַרגיסען.
אָ, לאָז מיר כאָטש ווי אַ לעבעדיגער קוואַל, גאָט,
האַסטיג טראָגען זיך, ווי אַ תפילה פליסען.

...פאַר די מענטשן, וואָס זיינען עלענטע, ווי איך,
און וואָס גייען שוין אויף אַלע וועגען צוריק צו דיר, —
און אויך פאַר די, וואָס ציהען הענט פון פייערן
שרייענדיגע צו דיין אייביגער אָפענער טיר... (ז. 11)

עס איז נישטאָ דאָ קיין קלאָרקייט אין די איינצעלהייטען, אָבער דער אַלגעמיינער מאָטיוו — דאָס וועלען זיך צונויפגיסען מיט דער נאַטור, דאָס גלוסטען צו באַהעפטען זיך מיט גאָט און באַפרייען זיך פונ'ם עלענט — איז דורכזיכטיג־קלאָר.

קלאָר איז אויך דער אופן ווי ער רופט זיך אָפּ אויף די צייט־געשעהענישען, אויף די אומגליקען, וואָס ער האָט אינאיינעם מיט זיין דור איבערגעלעבט. קלאָר — און טיף־פּאָעטיש, נישט אויבענאויפיג פובליציסטיש...

ס׳ציטערט־אויף די חיה, טוט אין בייזקייט אַ שפּרונג,
אין טיפקייט פון וואַלד, אויגען צעצונדען אין פלאַמען —
אָ, אורוואַלד, אָ, שניי, שפּורען פון וועלפישע טריט
אין פראָסטיגען טאָג — איר דערמאָנט מיך
פון וואַנען מיר שטאַמען...

(ז. 18)

ער מוסר׳ט נישט די מענשען, ער בייזערט זיך נישט אויף אונז: ער ווייזט אונז נאָר אונזער אָרט אין דער נאַטור, ער ווייס פון וואַנען מיר שטאַמען...

ער דערנענטערט זיך צו קינסטלערישער רייפקייט. ער באַפרייט זיך, ביסלעכווייז, אויב נישט פון זיין עלענט־געפיל, איז פון זיין שטאַמלעניש און זיין שטומקייט.

ער באַפרייט זיך, אָבער ער איז נאָך נישט פריי דערפון. ער שטומט נאָך און שטאַמעלט, עס טרעפט נאָך ביי אים, אַז איינציגע פערזען, באַזונדערע טיילן, זיינען אויסדרוקספול, בעת דאָס ליד אינגאַנצן איז אַ שטיק שטאַמעל.

אַזאַ ליד איז, אַ שטייגער, „אייביג וואָרט" — אויף דעם ערשטען זייטעל פון „נאָהענטע ערד". ס׳איז אַ ליד, וואו אין שכנות מיט שטעלען, וואָס זאָגען זעהר פיל, געפינען זיך שורות, וואָס זאָגען גאָרנישט.

דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט אַ פיר־פערזענדיגער סטראָפע, און שוין אין סאַמע אָנהויב קומען נאָך די ערשטע צוויי ריידענדיגע שורות — צוויי פערזען, וואָס זיינען אָן אָטעם.

אָ אייביג וואָרט, דו טוסט אין פינסטערניש זיך צינדען,
אין האַלבער נאַכט, ווען ס׳נעמט קיין שלאָף צום אויג.
ס׳טוט די נאַקעטקייט די גרויליגע זיך איצטער בינדן —
מיט ווייטן אורשפּרונג, מיט ווילדען בויג.

(ז. 15)

די צווייטע העלפט פון אָט דעם ליד איז אָריגינעל. כאָטש אַ ביסעל מטושטש, אָבער ווייל עס איז אַ גוט ליד, האָט עס געדאַרפט זיין פריי פון איבעריגע אָדער טויטע ווערטער.

מאיר סעגאַל

מאיר סעגאַל איז שטרענג צו זיך אַליין: ער דאַרף זיין שטרענגער. ער טאָר נישט פאַרגעסען, אַז אַ פּאָעט איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדעס וואָרט, פאַר יעדען קלאַנג, מיט איין וואָרט שאַפט מען נישט קיין ליד, מען קאָן עס אָבער פאַרדאַרבען מיט איין וואָרט.

מאיר סעגאַל מוז שטעלען צו זיך אַליין הויכע פּאָדערונגען, אייניגע לידער זיינע ווייזן, אַז ער קאָן זיך עס פאַרגינען.

„דער טאָג", דעצעמבער 29, 1940.

I

עפּעס וועגן באַשאַף

ווען גאָט וואָלט באַשאַפן זיין וועלט איצטער, נישט פריער,
וואָלט ער נישט גענוצט אויף זיינע ימען, אָזיערעס און טייכן
דאָס ליכט — פון מעסער־קאָליר...

ער וואָלט אַריינגעטאָן אין זיין איצטיקן נאָך אַזוי
פינצטערן הימל
אַ ביסל מער בלוי, און מער רויט אין די שטערן,
און נישט פאַרפעלט —
צווישן אַן אָנהויב פרי־פינצטערניש
ביז איצט
שפּעט־סופיקער זון,
אויפצוקלייבן פון דער ערד
די קרישטאָל־בלישטשענדיקע
מענטשלעכע טרערן.

ער וואָלט נישט גענוצט אין אונדזער אַשיקער צייט
דאָס טאָג־ליכט פאַר דער נאַכט
און דאָס פינצטערניש פאַרן טאָג
און אַלץ איבערקערן — פאַרקערט.

גאָט, צינד אָן דיין גרויסן פייערלאָמפּ נידעריקער,
נידעריק. אויף דיין טרויעריקער
און איצט נאָך
אַזוי אָוונטיקער ערד.

מאיר סעגאַל

פאַר גאָט אַליין

.1

מיינע לידער וועל איך לייענען פאַר גאָט אַליין
און אין יעדן וואָרט, יעדע שורה, און יעדן סטראָף
וועט ער הערן, דורך זיין באַשאַף,
זיין אייגן געוויין.

איך וועל אים לייענען וואָרט אין וואָרט אַזוי,
פאַרוואָס ווערט דער לעצטער פון דיין באַשאַף
דער ערשטער — אדם־גרוי...

איך וועל אים לייענען ציטערדיקע שורות אַכט
און אים פרעגן פאַרוואָס
ווערט דער מענטש אַזוי טרויעריק
אויף זיין גרויסער ערד פאַרנאַכט.

.2

גאָט וועט זיך צוהערן צו מיינע שטילע רייד
און זען מיינע דאַרע הענט, וואָס ציען זיך צו אים אין שרעק.
און זען, ווי זיינע שאָף און רינדער
ציען זיך אויף דער גרויסער ערד —
צו אַ דורשטיקן וואַסער־ברעג.

די שאָף טרינקען־אָן זיך מיט וואַסער
און קוקן מיט שטומע פּנימער צו גאָט —
צו פאַרטאָגיקע הימלען זייער לויב.
און דער פאַסטעך גייט נאָך אַלץ אַרום איבער דער וועלט
אין זיינע לייוונט־קליידער, אין ערדישן שטויב.

.3

און נאָך עפּעס וועל איך דיר לייענען
פון מיין טרויעריקן ליד —
אַז דיין וועלט איז אַ שעכט־הויז
פאַרגאָסן מיט בלוט...
און מיר, ווי די שעפּסן, דורך טירן־רויט
וויינען אַרויס פון זיך אונדזער טויט.

דיין זיבעטער טאָג איז מער נישטאָ,
און זינט דיין בראשית טוסטו גאָרנישט מער,
נאָר דו זיצסט אין דיין אייביקער רו...

דיין וועלט צעפּאַלט דורך אַטאָם־גרוי
ווי אַ פייער־ווינט איבער אַ באַרג מיט שטרוי.

.4

גאָט הערט מיין ליד, מיין טרויער־שטראָף.
גאָט, — רחמים איבער מיר — אין מיין טאָג,
אין מיין שלאָף.
קער אָפּ דעם מענטש פון חיה־וואָיע
דיין וועלט אין נעפּל — אין תוהו־ובוהו.

גאָט, פאַרגיב די שווערע רייד,
ס׳ברענט מיין בלוט. ס׳ציטערן די קניען.
אָ, קוק אויף מיר, ווי דו האָסט צום ערשטן מאָל געקוקט
צום בוים אין האַרבסט —
ווען זיין ראָסטיק־גאָלד האָט אָנגעהויבן
אין בלעטערוואַרג אַוועקצופליען.

.5

די בלעטער אָפּגעפלויגן.
געבליבן איז דער ראָסטיק־רויטער שטאַם.
גאָט, עפן־אויף צוריק דיין וועלט,
ווי ס׳עפנט זיך אויף אין זיין ווינטער־קעלט
דער ברייטער ים.

איצט קומט נישט מער די וואַסער־תּיבה,
דיין ברוינע צאַרטע טערקלטויב,
ס׳ווייזט דער פיש זיך נישט אין וואַסער...
אַ ווינטער־קעלט דעם ים פאַרגרויט.

פון טיפער פינצטערניש

פון טיפער פינצטערניש שרייט איצט דער אורוואַלד
צום פֿאַרטאָגיקן ליכט, וואָס גייט אויף פון אויבן.
צו דיר, אָ בלוטיקער וואַלד, געהערט מיין לייב,
צום אויפגייענדיקן ליכט — מיין אייביקער גלויבן.

די חיה וואַרפט זיך צו דער ערד פאַר שרעק,
ווען לבנה זילבערט איר שוואַרצע פעל. —
זי נידערט מיט נעגל דורך געדיכטע, זומפיקע תהומען. —
און איך בין איר קרבן, גאָט, פאַר דיין פינצטער באַשאַף.

דורך טונקעלע נעפלען, איבער גרויזאַמער ערד,
אַ זאַטע צו איר נאָרע די חיה ציט.
מיין בלוט איז פאַרטרוקנט. דאָס פלייש אויפגעגעסן.
נאָר מיך צו איר נאָרע נעמט זי נישט מיט...

מיין נשמה בלאָנדזשעט אויפן ברעג וואַלד,
זוכט דעם וועג צו ליכט, צו גאָטס הייליקער שטול.
פון ווייט האָט מיט ווינט און מאָך געגעבן אַ יאָג —
דורכן טיפן וואַלד, וואָס מיט פינצטערניש פול.

די נשמה וויינט אַרויס פון גאָטס האַנט
פייכט און פאַרטרערט.
אָ גאָט, שיק מיך שוין מער נישט צוריק
אויף דיין נאַכט־טויטער ערד.

מאיר סעגאַל

אַן איבערגעלאָדענע ערד

איך וויל אויף דער ערד וואָס לענגער זיך פאַרהאַלטן,
גיי איך איבער בערג, איבער הויכקייטן.
די ערד, זי האָט קיין אָרט פאַר קיינעם נישט
אויף זיך צו לאַנג צו האַלטן.

די ערד איז איבערגעלאָדן מיט איר שווערער מאַסע —
ביליאָנען מענטשן, ביליאָנען יאָרן.
דורך יאָרן, יאָרן, האָט זיך אַלץ אויף איר געמערט
אַ שווערע ערד... די איצטיקע.

זי דרייט אַרום זיך קיילעכדיק מיט אַלץ צוזאַמען...
צוזאַמען מיטן דרום, מזרח, מערב
און מיט דעם צפון־קאַלטן —

די גרויסע ערד, זי האָט שוין אָנגעהויבן
פאַר איר איבערגעלאָדנקייט
צו עפענען
אירע שמאָלע —
סודותדיקע שפּאַלטן...

ווינטער בית־עולם

(אַ דערמאָנונג)

איך בין געגאַנגען ביי אַ פּלויט פון אַ שניי־באַדעקטן בית־עולם —
אַ ווייסער, ריינער וועג האָט מיך געפירט.
דער אָוונט האָט אין קאַלטן בלויקייט מיך אַריינגענומען
און מיט אַ בלענד דאָס פּנים אָנגערירט.

איבער ערד — געלעגן איז אַ פרישע רו און שטילקייט,
און איך האָב קברים הייליקע אָנגערירט מיט הענט.
די מצבות האָבן שוין אין שפּעטן אָוונט־ליכט
רויט און ווינטערדיק געברענט.

כ׳האָב אַראָפּגעבויגן טיפער זיך צו קברים — דורות שלאָפן,
דאָס לעבן זייערס איז אַוועק שטיינערדיק, אין פּיין.
געטראַכט האָב איך פון יענע מענטשן,
וואָס זיינען צו קיין קבורה נישט געקומען
און אויף בית־עולם הייליקן איז זיי נישט באַשערט צו זיין. —

אָ, פון יענעם וויטן היימלאַנד מיינעם
וואו טויט איז פרילינג. וואו טויט גייט אויף אין בלי,
און נישט קיין ווינטער־פייגל וועקן אויף די מענטשן,
נאָר ריח פון בלוט —
אין גרויען ווינטערדיקן אינדערפרי.

די נאַכט האָט די מצבות
מיט שניי שוין אָנגעהורבעט
און צוגעדעקט זיי מיט די קברים גלייך.
אָ, קברים, כ׳קום איצט אַזאַ מידער

מאיר סעגאַל

פון מיין צעפּאַלן נאַכטיק־לעבן
רו געפינען
אין אייער ליכט אין אייביקן,
וואָס לייכט אַרויס פון אייך.

און דער וויסנשאַפטס־מאַן דערציילט

און דער וויסנשאַפטס־מאַן דערציילט: געשיכטע. —
אַלט ווי די וועלט, ווי די צייט...
פון לאַנגע נעכט ווינטערדיקע,
פון אַ גיין. — פון טויזנט צו טויזנט יאָר,
פון אַ פופצן צו פופצן מייל,
פון אַן אָנהויב — אָנהויב מענטש,
וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט
ערד־ווייט.

פון אַ שאַרבן אַן אויסגעגראָבענעם. אַ צייכן
אין אַ שטיין איינגעקריצט — פון אַ שטומען שוואַרץ־ליידנדיקן מויל.
אויגן, ווייסע ציין.
פון די אויגן איבער ציין אַן אַראָפּפאַלנדיק געוויין...

אַן אור־מענטש, וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ צווייגן־שפּיץ
און פאַר זיינע אויגן,
אָ,
געטרייער פייער, דערפרייענדיקער ערשטער,
וואָס צינדט זיך אָן אין אַ בוים
פון אַ וואַנדערדיקן בליץ...

זיין שאַרבן געפונענער איז נאָך געוועזן קליין
און פון שטיין — און נישט פאַרשטיין...
האָט ער אויסגעפורעמט אַ זאַך אַזאַ אַ בליאַסקנדיקע
און דורך זיינע לאַנגע טעג, און וויסטע נעכט — קלאָגנדיק
האָט ער אין זיין האָריק לייב
מיטן בליאַסקענדיקן האַמער שטיין
געשלאָגן אין זיך אַליין...

מאיר סעגאַל

און פון נוצן זיינע האָריקע לאַפּעס־הענט
האָבן זיך די גראָבע ווי ליימיקע ליפּן געעפנט
און די צונג האָט אָנגעהויבן זיך באַוועגן —
און געלאַסענע „האַי" און „האָ"
און פאַרשידענע „בו"־קלאַנגען
זענען מיט צייטן געגאַנגען, געגאַנגען.
און ווערטער זענען שנעלער געוואָרן
ווי עפּעס אַזוינע נאָגענדיקע,
נישט פאַרשטייענדיקע ווערטער־געזאַנגען...

און דער וויסנשאַפטס־מענטש באַדויערט,
וואָס קיינער וועט נישט וויסן — צי האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן
פון זיי ביז אונדז — אַ ווערטער־שפּראַך.

דאָס וועט בלייבן אַ פראַגע־צייכן איבער דעם גרויסן קיילעכדיקן ראָד.
אָט די פראַגן וועלן די אייביקייטן אין זיך פאַרשליסן...
אייביקייטן גיבן נישט קיין ענטפערס,
אייביקייט איז סוד.

איך וועל זיין אייער טרערן־וואָלקן...

אַ ליד פון אַ סעריע געשריבן אין אייראָפּע, מיי 1984.

און איך, דער נישט־פאַרברענטער, וועל זיין נאָך אייך
דער יאָרצייט־היטער.
פערל־טרערן וועל איך פאַר אייך — פון אייערע אויגן
אין מיינע טראָגן.
איך וועל זיין פאַר אייך
דער ליכט־אָנצינדער.

איך וועל אייער ליכט צעטראָגן
איבער יעדן זאַמדל —
מירמל־ווייסע —
בלוי־געאָדערטע שטיינדלעך
וועל איך רייבן איינס אין צווייטן
און אייער בלויען פייער טראָגן
אויף מיינע שפּיצן־פינגער.

איך וועל זיין דער טרערן־וואָלקן
ווי איבער אַ כמורנעם וואַלד דער רעגן,
וואָס זיין טראָפּן פאַלט
אויף יעדן בוים,
אויף יעדן קופּער־בלאַט באַזונדער.

איך האָב געזען אייראָפּע — אַ שטיק קאַלטע ווינטער־קוזשניע פייער.
און אין פייער אייך לויפן־ווי שעפּסן אין וואָלן־ציטער,
און שעפּסן — וואָס קענען נישט אַנטלויפן —
ווי פון אַ ווינט־געוויטער
אַרומגערינגלטע, ווי אין אַ גליענדיקן רויטן פייער־ראַם,
איז דורך דער ערד אַדורכגעלאָפן
אַ שוואַרצער, שרייענדיקער נאַכט־ים.

מאיר סעגאַל

נאָך אַ מאָל דערהערן?

וויסנשאַפטס־לייט זאָגן, אַז דער דאָלפין האָט אינטעליגענץ,
ער וועט אפשר אַמאָל רעדן, פון ים דערציילן.
ווען וועט דאָס געשען?
אין אַ מיטן־טאָג? אין יאָרן?
ווער וועט דעמאָלט בלייבן אויף דער ערד,
ווען פלאַנעטן פאַרשווינדן
און אַטאָמען איבער אונדז זיך איילן?

און אפשר וועט, ווי איצטער, ווידער זיין שפּעטער
אַ ים? ערד?
און איך וועל ווידער קומען, דאָלפין,
דיר אַנטקעגן?
און דו וועסט אַלץ נישט קענען רעדן...
און דער וויסנשאַפטס־מאַן וועט אַלץ ביי דיר פאָרשן,
דיר פראַגן פרעגן.

דעמאָלסט וועסטו אינעם גרויסן ים זיך איבערקערן
און איך, אויף אַ גרויסער ערד — ווייט,
וועל דיין מאָדנעם,
האַלב־מענטשלעכן קול נאָך אַ מאָל דערהערן.

II

װעגן פֿאַרלױרענע, פֿאַרגעסענע זאַכן

אַזױ פֿיל שטױב האָט זיך אָנגעזאַמלט
אױף אונדזער אײנזאַמער ערד,
מיט אונדזערע פֿינגער צו באַרירן.
האָבן זיך געפֿורעמט: שטײנער
און אַנדערע טױזנטער זאַכן —
זײ זענען די פֿאַרלױרענע, פֿאַרגעסענע
און קײנער װײסט אַפֿילו נישט זײערע קאָלירן.

ליגן זײ נאָך אַזױ צעװאָרפֿענע טײלן
איבער טײכן, זומפּיקע אינדזלען,
איבער ערדס דיקן שיכט
און טראַכטן פֿון אַ פֿריערדיקער, פֿרי־פֿינצטערניש
און אַ שפּעטערדיקן ליכט.

זײ זענען די פֿאַרגעסענע —
איבער זײ די נישט־באַװעגנדיקע...
גײען דורך אײביקײטן, — שטורעמס, רעגן.
געפֿינסט זײ ליגן פֿאַרמאָכיקט־טונקעלע
אױף ערדס פֿאַרגעסענע װעגן.

און װען די פֿאַרגעסענע שטײנער
און אַנדערע טױזנטער זאַכן געפֿורעמט
ליגן און שװײגן צוזאַמען,
הערן זײ זיך צו — צו װאָרצלען, אונטער־ערדיקע,
װאָרצלען מורמלענדיקע — סודות
נישט פֿאַרשטײענדיקע.
װער װײסט פֿון װאָס?
אפֿשר, װעגן ערד און ימען.

מאיר סעגאַל

נייערע מקומות

דער אַטלאַנטיק שלאָגט צו זיינע ברעגן
און גייט מיין הויז פאַרביי,
כוואַליעס הויבן זיך אין בערגער וואָלקנס,
גרויסע שטיקער שטאָל און בליי.

און ביי דעם ים —
אַ גרויסער ווייסער שטיין,
פאָרעט זיך אַ פליג אויף אים.
וואָס זוכט זי דאָרט...
וואָס וויל זי?
אויף איר אייגענעם פלאַנעט אַליין.

און איך ביים ים שטייענדיק אַזוי, און קוק אויף איר,
טראַכט זיך מיינע אייגענע רעיונות:
אַז איידער אַטאָם קומט, און וועלט צעפאַלט,
לויפט איצט אַרום אַ מענטש אין חלל
און זוכט פאַר אונדז
נייערע און שטענדיקע מקומות.

געדאַנקען

איך בויג זיך איין
און הויב־אויף אַ האַנטפול זאַמד.
פון דעם אַליין — קענסט בויען זיך אַ שטאָט, אַ לאַנד.

און אויף דעם אָרט,
אויף וועלכן כ'בין נאָר וואָס געשטאַנען,
האָט לופט און רוים
מיין אָרט פאַרנומען.

און איך אַליין זאָרג ווינציק וואָס
ווער ס'וועט שפּעטער וואוינען אין דער נייער שטאָט
און מיין אָרט און לופט צוריק פאַרנעמען.

מאיר סעגאַל

אָנדענק־ליד

אויף אַ ווייסן בית־הקברות־פעלד
איז אַ שטוב געלעגן
פאַרשאָטן...
און אַ שטילקייט האָט אין איר, ווי אין מיר,
גערוט.
אויך איך מיט מיין ווייב בין אין אַ שטוב געשלאָפן
מיט טויטס פלייש און בלוט.

אָ, ווייב, ס׳קלאָגט דיין טאַטנס נשמה צו דיר
דורך די הימלישע נאַכטיקע טויערן,
נידערן וועט זי צוריק אין דיר
און אַ קינד וועסטו געבוירן.

אויך פון דיין טאַטנס ערדישן חומר
וועט אַ ווערימל קליינס זיך צינדן און ווערן געבוירן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַן אויסטערליש גיין הין און צוריק דורך וועלטן צוויי
אַ רגע בלויז... אַ רעגן־טונקלקייט
אין מיינע אויגן.

איבער אַ שניי־ווייסן פעלד — מיט אַ האַנטפּול בלוי
גייט דער צווישן לעבן און טויט — דער אָפּבינדער...
פון אַן אינדערפרי ביז אַ בייטאָג. ביז אַ פאַרנאַכט נאַכט...
מיט אַ האַנטפּול בלוי איבער אַ ווייסן ליכט
זיין וועט ער אויך נאָך מיר
דער יאָרצייט־
אָנצינדער.

עס טרעפט אַ מאָל

עס טרעפט אַ מאָל אינמיטן טאָג
ווען ס׳גיט די זון אַ שיין און בלייבט שטיין,
און לאָזט פּאַראויס אויף אַ שטיק ערד
אַ טונקלקייט שטיין.

די זון — זי איז די צעטיילערין,
זי גלייכט אויס זאַכן:
אַ בלוי ליכט אויף שטיקער גלאָז ביים ים
און אין פלעשער — אַ גרין־פּינצטערער פלאַם.
זי איז די אינזשיניערין. זי טוט פּלאַנירן
פון פרי ביזן אָוונטיקן זיך פּאַרמאַכן.

זי גיט אַ וואָרף איין שטראַל
אויף אַ גאַנצן לייזיקן מאַרק.
— זי איז קאַרג.

גרויסער טאָג! וואָס וועסטו טאָן מיט דיין זון?
ס׳טונקלען שוין ערדס וועגן.
צעטיילער — איינגעהאַלטענער —
וועסט סיי ווי באַלד אונטערגיין
מיט דיין גאַנצן פּאַרמעגן...

מאיר סעגאַל

דער קאַלטער ווינט

דער קאַלטער ווינט האָט אַריינגעיאָגט אַ פליג אין מיין שטוב —
שטיי אויף מיין קוך־קראַן און טרינק אַ פינטל וואַסער פון אַ טראָפן.
שטיי אויף אַ קרישקע ברויט, ווי אויף דיין אייגענעם פּלאַנעט.

מיר זענען צוויי באַשעפענישן פון איין באַשאַפער —
דו ביזט באַשאַפן געוואָרן מיט זון־אויפגאַנג
און וועסט פאַרגיין מיט זון־פאַרגאַנג.

דיין טאָג איז פאַר דיר אַן אויסגעצויגן קורץ לעבן...
נישט ווי אַ גרעזל, אַ שטיינדל וואָס טוישט זיך אַריין אין אַן אַנדער קאָליר
און ס׳נעמט טויזנטער יאָרן...

פלי נישט אַרויס אין דרויסן —
דער זעלבער קאַלטער ווינט, וואָס האָט דיך אַריינגעיאָגט, זוכט דיך אַרום...

דער באַשאַפער פון דיר און מיר
האָט אויך באַשאַפן די זון.
זע, אויפן געזימס דורך מיין פענסטער
ליגט אַ לעצט שטיק אָפּגעריסענע זון, רויט.
אין יעדער לעצטקייט איז דאָ אַ לעצטע מינוט.

די אָנהויב ווינטער־זון פאַרגייט — און פאַרפינצטערט אַ טייל פון פּלאַנעט.

צו וועמען וועט קומען פריער,
פליג !
צו דיר,
צו מיר —
די מינוט פון טויט?

אַן אויג...

איך ווייס אַז די ערד קאָן מאָלן זיך אין פאַרבן
און אַז דער ים קאָן אַ מייסטער זיין.
אַן אַלטן גרויען שטיין —
מיט גרינער פאַרב באַמאָלן
און אויסשלאָגן אין אים פענצטער, טירן,
כדי מיט זיינע וואַסערן די איינזאַמע
דורך טיר, און פענצטער דורכצוגיין.

קומען־אָן ביינאַכט קליינע באַשעפענישן אין דעם גרינעם שטיבל,
צינדן־אָן פייערלעך — פון זייערע קערפּערלעך דאָס ליכט...
פאַר זיי איז איין מינוט אַן אייביק לעבן,
איין סעקונדע — אַ סכּנה...
איינס אויפן צווייטן מערן זיך... באַשאַפן לעבנס.
אָ, פינצטער־נאַכטיקע הנאה...

און ווען די ימען ליגן שטילע,
קומט אַרויס אַ שטערן אַן איינציקער,
איינציק ווי די ערד...
אַ שטערן, ווי רויט־רויג.
דעמלסט —
קוקט אַרויס פונעם קליינעם שטיבל
איבערן גרויסן ברייטן ים
אַ קליין באַשעפענישלס אויג...

מאיר סעגאַל

אַ דריטער טייל אין פורעם

אַלע ווינטן לויפן דורך די ערטער
וואָס איך האָב אַליין צעבראָכן.
און קיינער וועט נישט גאַנץ מאַכן. נישט וויסן
דאָס וואָס איז דורך מיר אַליין אַדורכגעלאָפן...

אַלע שטייענדיקע און ליגנדיקע שטילקייטן,
טיילן, וואָס איך גיי פאַרביי,
ווי ביימער, בערגער,
וואָס שטענדיק ליגן, שטייען...
זיי וואָלטן אויך געוואָלט, ווי זיי,
איך זאָל אויפהערן צו גיין.

נאָר די לויפנדיקע בליצן, ווינטן, רעגן —
זיי וואָלטן געוואָלט, ווי זיי,
כ׳זאָל אָנהויבן לויפן, גיין, און פעסטער זיך באַוועגן.

נאָר איך ווייס נישט וועמען הערן פון די צוויי —
די שטילקייטן? צי דעם לויפנדיקן שטורעם?
הער איך זיך צו ביידע צו,
ווייל איך בין אַ דריטער טייל אין פורעם.

איך אין ווינטער

מיין בלוי וואָלן לייבל אויפגעריסן. —
ס׳קוקט אַרויס דאָס ראָזע רויטע פלייש,
ווי פון קצבים־געוועלבן, דורך די אָפענע טירן,
קוקט אויך אַרויס אַזוי
דאָס ראָזע רויטע פלייש.

איך גיי מיט גרוי־ווייסע וואַסער־ברעגן,
דאָס וואַסער־קאָליר
ווי פון טויזנט גרוי־ווייסע־בערד...

איך שטיי אויף אַ שנייאיק
בלוי־חלבדיקן שיכט
און מיין ווייסע באָרד
איז פול מיט ווינטער־ליכט.

מאיר סעגאַל

אַלטע וועלף אין ווינטער

אַ טאָג אַרומגעלאָפן דורך די ווילדערנישן
און נישט געכאַפּט קיין לעבעדיקן ביס.
און דער וואָס איז געבליקן לעבן —
איז אין אים נישטאָ קיין טויט,
פּאַרבלוטיקן נישט די נעגל וועלפיש־רויט...

אַ טשאַטע וועלף
מיט ווייס־גרויקייט איבער פעלן אַריבערגעצויגן,
איבער קנעכלען,
איבער זייערע שנייאיק בייזע אויגן.

אין די נעגל מער קיין שאַרף־גראַניט.
דער פאַנג נישט פלינק,
באַשעפענישן קוועלן מיט לעבן
און קומען נישט אַליין צו זיי זיך איבערגעבן.

אין זייער אָוונטיקן ווינטער־וואָיען
האָבן זיי אַפילו מיך אַדורכגעלאָזט.
וועלף,
שניי־באַדעקטע זקנים,
ווייִנען,
לעבן אויף ווינט און פראָסט.

באַרטלעטס באַרנעס

זיי זענען אָנגעקומען פון קאַליפאָרניער סעדער,
באַרטלעט באַרנעס גרין־האַרט.
זיי דערמאָנען מיך אין באַלעבאָס פון די סעדער,
אין באַרטלעטס גראָז־גרינעם קאַרק.

פון די שאָלעכצן רינען זאַפטן
טראָפּנווייז.
די ווייסע טראָפּנס זיי דערמאָנען מיך
אין קרישטאָלענע וואַסער־גלעזער מיט שטיקלעך אייז.

מאיר סעגאַל

אַזאַ־מין מאָדנע שרעק

גאָט, עפּעס באַפאַלט מיך אינמיטן טאָג אַזאַ מין מאָדנע שרעק,
פאַרשליס איך די טיר פון מיין הויז
און לאָז זיך איבער דער גרויסער שטאָט אַוועק.

איך פאָר מיט הינטערשטאָטישע באַנען
און בלייב אויף טיימס־סקווער שטיין.
איך קוק אויפן מיט־שטאָטישן זייגער
ווי אויף זיין ווייסן ציפערבלאַט
די ווייזערס גיין.

די ווייזערס גייען אין ברוינקופּער־ליכט,
אַ גרויס־שטאָטיש זייגער־פּנים מיט אַ צעקאַרבט זקן־געזיכט.

שטיינערנע שטאָט, בראָדוועי פון לץ און שפּאַס.
גאָט ווערט שוין אַלט, און האָט פּשוט פאַרגעסן
אַ שטיק פון זיין וועלטס זינדיקער גאַס.

מיידלעך „פאַרדאָופּטע״, מאָדערנע, דרייען זיך אום
מיט סעקס און מיט חן.
און דער פּויקער וואָס האָט שוין זיין טאָג פאַרפּויקט
גייט מיט מיטנשטאָט —
צו זיין „גרעניטש־ווילעדזש״ אַהיים.

ווער?

איך זיץ אין אַ רעסטאָראַן און איך עס.
דער ראַדיאָ קלאַפּט,
זאָגט־אָן נייעס פון דער גאַנצער וועלט,
שולד פון מענטשן־מאָרד, פעלקער מאָרד.
נישטאָ פאַר מיר אויף דער זינלאָזער ערד קיין אָרט.

איך זיץ און הער צום ראַדיאָ זיך צו מיט געדולד
און טראַכט:
אַז זינט אָנהויב, אָנהויב ערד,
ווען זי איז נאָך געווען באַשאָטן
מיט פּיצלעך קריכנדיקע באַשעפענישלעך,
האָט שוין איינס אויפן צווייטן געוואָרפן די שולד...

און איך וואָס באַשולדיק די חיה אין מאָרד —
עס אויף שעפּסן פון עפּעס אַ ווייט פאַרוואָרפענעם דאָרף,
פיש פון אַ וואַסער דורכלויפנדיק דעם דאָרף,
הענער מיט קאַמען־רויט.
ווער שעכט פאַר מיר?
ווער טויט?

מאיר סעגאַל

אייביקייטן

איך האָב אַראָפּגעבראַכט פון דער לבנה
פולע הענט מיט ערד און שטיין,
איצטער שטיי איך אויף דער ערד
און זע אַ זון — אַ צווייטע אייביקייט... אַליין.

איז אַרויסגעקומען די לבנה
די זון אַנטקעגן.
און ביידע האָבן מיך אָנגעקוקט
און זיך צעלאַכט. —
געלאַכט פון דעם,
וואָס פון אייביקייטן טראַכט.

און אפשר גאָר געלאַכט רויט־שיין,
פון זייער אייביק איינזאַם זיין
אין קאָסמאָס
מיט זיך אַליין?

אָנוואונק פון טויט

דאָ ליגן די שטעקן־בלישטשענדיקע לעפל —
די ערד־גראָבנדיקע רידלען. — זייערע שאָטנס פאַלן
אין אַ פאַרקערטער זייט...
וואו אַלע זאַכן פאַלן, מוזן פאַלן,
אויפן זעלבן אָרט, אין דער זעלבער צייט.

ווער פאָרט אין איין וועלט רעשיקער — צוריק
און ווער אין דער צווייטער וועלט — דאָ בלייבט...

די רידלען צעאַקערן די ערד
ווי אַן אַקער וואָלט אַ בינטל שפּענער.
אין די שפּענער ברענט ווינטער־גאָלד.

ווער איז דער געהיימער פייער־ווינטער־צינדער,
דער רידל־האַלטער,
וואָס קומט אויסגלייכן
די ערד, שאָרשנדיק־פאַרדעקן?

ווער שטייט צווישן צוויי וועלטן
צווישן טרערן און בליטן?
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר שטייען ווי אומעטום מען שטייט,
צווישן לעבן און טויט אינדערמיטן.

מאיר סעגאַל

צו אַ סטעטן איילענדער מיידל

דאָס שלאַנקע, שיינע מיידל
איז אַריבער דעם פאַרנאַכטיק־דאָרפּישן וועג
און מיטן שליסל געעפנט פון איר הויז די טיר.
זי איז אַריין אין הויז
און איך אינדרויסן
און זי איז געבליבן אין מיר.

איך בין געגאַנגען מיט מיין האַרץ־קראַנקן גלח, מיין שכן,
נאָך אָוונט־ברויט, פּאַר אַ לאַנגן שפּאַציר.
ער האָט אויך פאַרגנבעטערהייט, שטילערהייט,
געכאַפּט אַ קוק אויף איר...
און נאָך מער פאַרבענקטער איז זי ביים שוועל
ווידער געבליבן אין מיר.

מיר האָבן ביידע גערעדט (וואָס רעדט מען אָוונטצייט אויף אַ
ווייס־דאָרפּיש שטיינערדיקן וועג מיט אַ גלח)
וועגן בלעטער, שאָטנס, קלויסטער־גלעקער,
רעיגען, בעגין, פּאָליטיק.
אַז מיר זענען שוין געווען שאָטנווייט אַוועק
פון איר הויז,
האָבן מיר הינטערוויילעכץ
געכאַפּט אויף איר פאַרשוואונדנקייט
ווידער אַ פאַרגנבעטן בליק.

נאָר איך האָב געזען די שלאַנקייט פון מיידל
אַריבערגייענדיק די שטיינער, די ריפּנביינער,
איר סעקס־קוק אויף מיר, נישט אויפן גלח.
אירע ליפּן רויזרויט, איר פּנים ווייסקאַלעך.
די יונג־מידקייט צו איר בעט, איר צימער,
און אויף איר איינזאַמער טיר 280 דער נומער.

עפּעס ווערט אַזוי נעפּלדיק

עפּעס ווערט אַזוי נעפּלדיק
אין סטעטן איילענד פֿאַרנאַכט.
זאָג איך:
וואו ס׳איז אַ דאָרף פֿאַראַן,
אַ ים,
ווערט פֿינצטער,
נאָך טרויעריקער ביינאַכט.

צינד־אָן דאָס בלויע פֿייער
אונטער דעם ברוינעם, ערדענעם טאָפּ.
וועט אויפֿגיין אַ פֿאַרע
און מאַכן דאָרפֿישער די שטוב
און דורכן קוימען וועט שלענגלען זיך
אַ פֿונקענדיקע כמאַרע.

מאיר סעגאַל

איבער אַמסטערדאַמער גאַסן

אַ ליד פון אַ סעריע, געשריבן אין אַמסטערדאַם, אָקטאָבער 1984

איבער אַמסטערדאַמער גאַסן
אַ ווייט געהער,
ווי אין מיינע פוילישע ייִנגלשע יאָרן,
ווען אַ מאַמע האָט אַרויסגעשטעלט
דעם קאָפּ דורכן פענצטער
און אַרויסגעשריגן:
אַנאַ, קום אַהיים, ס'איז שוין שפּעט, שוין זיבן־אַכט.
נישטאָ מער די מאַמע, דאָס מיידל, די נאַכט...

איבער אַמסטערדאַמער גאַסן
אַ ווייט געהער
פון לויפנדיקע ברוינע שטיוול...
איבער שמאָל־געדרייטע טרעפּ
און ביים אַראָפּגאַנג פון ען פראַנקס מיוזעאום
איז געלעגן אויף אַ שטיין
פון ען פראַנק — אַ ברוינע, בורשטינענע,
גרויסע אייביקע טרער...

נישטאָ דער פֿאַרריכטער

די ערשטע באַשאַפֿענע שיינקייט האָט אַ טעות געמאַכט
און זיך פֿאַרקוקט אויפֿן שלאַנג מיט קאָלירטע פֿאַרבן —
זי האָט איר גערייצט, צוגערעדט,
און זי האָט געגעסן די פּרוכט.
אויג פֿון גאָט — פֿון וואונדער און פֿרעגן:
צו וואָס מיין מענטשן־באַשאַף
און צו וואָס זיין שטאַרבן?

און יאָרן זענען אַוועק, און טעג, און מיליאַסן מינוטן
און ווינטן זענען איבער וועלטן געלאָפֿן,
ווי איבער פֿעלדער צעשראָקענע האָזן.
און טויט האָט געגעסן מענטש נאָך מענטש,
ווי האַרבסטן עסן־אויף פֿאַרשפּעטיקטע גראָזן.

און דער מענטש איז געזעסן קליין, אַליין,
אין גרוי־גרויקייט געבויגן, אין זיך אַ פֿאַרטיפֿטן,
אויף ערדס אוראַלטע שיכטן.

און געטראַכט: ווי אַוועקצונעמען דעם טויט
פֿון גאָטס ערשטן מענטשן־באַשאַף —
אָנשטאָט שטאַרבנדיק ציילן, און נעמען איינעם נאָך איינעם
האָט ער אַ טויט־אַטאָם געמאַכט...
פֿאַר אַלעמען — אַ וועלט־טויט איינעם...

האָט דער מענטש, דער ערשטער באַשאַפֿענער, אַ טעות געמאַכט...
און דער שפּעט־איצטיקער, דער צווייטער,
האָט אויך נישט פֿון צווייטן טעות געטראַכט...
איז נישטאָ מער דער פֿאַרריכטער, וואָס קען פֿאַרריכטן
דורך וועלטן בייטאָג, דורך וועלטן ביינאַכט.

III

אַזאַ ליכט האָט נאָך גאָט אַליין נישט געזען

1

...און עס זענען אַוועק טעג און וואָכן און חדשים —
און אויפֿן אַלטן בית־עולם האָט זיך נישט באַוויזן קיין איינציקע לוויה,
פֿון קיין ייִד קיין קדיש זאָגן —
פֿון קיין ייִד קיין יללה.

און אַ שניי האָט דעם אַלטן בית־עולם פֿאַרשאָטן,
פֿון נאַסקייט האָבן די ווענט פֿון טהרה־שטיבל גענומען פֿאַרדאַרבן.
האָט די מיתה, אַן איבערגעקערטע —
דורך די פֿענצטער פֿון טהרה־שטיבל,
איבער פֿעלדער,
אַזוי משונהדיק גענומען וויינען:
אָ, צי האָבן ייִדן אינגאַנצן שוין אויפֿגעהערט צו שטאַרבן?

און אַז נאַכט איז צוגעפֿאַלן אויפֿן בית־עולם,
און דער באַגרעבער איז נישט אַרויס פֿון זיין שטיבל
צומאַכן אויפֿן ליכטיקן פֿענצטער זיין לאָדן,
און אַז מען האָט מער נישט געהערט אינדרויסן,
פֿאַרן שטיינערנעם פֿאַרקן,
אויפֿן שניי, דאָס ס׳קריפּען פֿון רעדער
פֿון אַן איינזאַמען וואָגן
און דאָס קרעכצן פֿונעם איינגעשפּאַנטן ייִדן אין וואָגן,
וואָס פֿלעגט נאָך אַ טאָג פֿון שווערער משא שלעפּן
דורך נאַכט און ווינט און שניי,
ווייט אַריבערן בית־עולם,
צו זיין אָרעמען שטיבל זיך טראָגן;
און אַז די שטאָט־משוגענע
פֿלעגט מער נישט קומען אין די קאַלטע ווינטער־נעכט

מאיר סעגאַל

קלאַפּן אין די קברים
און ציען אירע אויסגעדאַרטע הענט
צו די ווייסע נשמה־שנייעלעך, וואָס שוועבן,
און אין טרויער טאַנצן
און זינגען
און רייסן איר האַרץ:
אָ, שנייעלעך, שנייעלעך ווייסע,
צו אייך איז געגליכן מיין לעבן, —
האָט דאָס טהרה־ברעט נאָך יאָמערלעכער גענומען קלאָגן:
אָ, מתים, מתים, — מיט וואָס פאַר אַ פרייד
איך פלעג אייך צו דער אייביקייט טראָגן.
אַזש דער טונקעלער עמער אין זיין ווינקל
האָט גענומען אויפציטערן
און זיך אויפכאַפּן פון זיין חדשים־לאַנגן
טויט־שלאָף, דעם ביטערן, —
און צום נידעריק־צעבראָכענעם טיש גענומען ריידן:
אָ, איך געדענק נאָך די ציטער־פרייד צווישן אונדז ביידן,
ווען אויף דיין נאַקעטן דעק —
דער נאַקעטער מת,
און איך, מיט פרישן וואַסער, פלעג געבן אַ גאָס
אויף יעדן גליד,
אַיעדער טראָפּן פלעגט זיך געבן אַ צעשפּריץ
און אָפּוואַשן פון גוף
די זינד פונעם לעבן.
און דו האָסט דעם מת,
וואָס האָט אין ליכטיקייט שוין זוכה געווען
צום צווייטן לעבן —
צום אייביקן
אַוועקגעגעבן.

.2

האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טויזנט־יעריקן שטיינערנעם שלאָף
אַ פאַרציטערטער זיידע,
און צוזאַמען מיט אַ מתים־עדה
געגאַנגען אַ קוק געבן
וואָס ס'איז געוואָרן פונעם פאָלקס לעבן.
און ווי!
הינטערן פּלויט —
בלוט אויפן שניי,
און אברים צעוואָרפענע,
קעפּ אָפּגעשניטענע.
און אויגן אין בלוט־פּיין פאַרטרונקענע,
ווי פינצטערע גריבער.
און אויף ביימער צעהאָנגענע מתים
קוקן בלוטיק־פאַרשטאַרטע
אין בענקשאַפט —
צום בית־עולם אַריבער.
און אַ קינד מיט הענטלעך פאַרלייגטע
און שמאָלע אַקסלען
טוט צום פאַלנדיקן שניי אַזוינע מאָדנע רייד רעדן.

זיין בלוטיק נישט־דערשאָכטן קעפּל
פאַלט אין די אָרעמס
פונעם טויזנט־יעריקן זיידן.
איבערן ווייסן פעלד — דאָס ריינע בלוט.
דער זיידע טוט דאָס קינד
צו זיך טוליען און אַרבן,
און מורמלט מיט פאַרחלשטע ליפּן:

מאיר סעגאַל

דאָס פֿאָלק איז פֿאַרברענט,
געקוילעט, —
דאָס פֿאָלק וועט מער נישט שטאַרבן.

און אויפגעקליבן האָבן די מתים אַיעדן גליד. —
דער אַלטער זיידע איז צוריק אין בית־הקברות אַריין
און אויף זיינע ציטערנדיקע הענט צוזאַמענגעשפּינט
אַ קינדער־חלום פֿון אַ בלוטיק נישט־דערלעבטן לעבן,
מיט אייגענע יענע־וועלטיקע סופן,
און די טויטע וועלט, צום צווייטן מאָל,
צוריק איז איינגעשלאָפֿן.

ערשטע לײדן אויף דער ערד

מיליאָנען יאָרן האָבן אויפגעריסן, אויפגעבראָכן
פֿאַר מיר די וואַלדיקע ווענט.
ווען איך בין פֿון דיר ס׳ערשטע מאָל אַוועק,
אָ, וואַלד, האָסטו אַזוי געררוישט —
דו האָסט נאָך מיר געבענקט.

ווי אין אַ שטורעם האָסטו זיך צו מיר געבויגן
פֿינצטער־ברוין, מיך אין צווײַגן אײַנגעדרייט.
ווי פֿון אַ מעכטיק וואַסער הער איך איצט דײַן רוישן
דורך מיליאָנען יאָרן פֿון אַ פֿריערדיקער צײַט.

פֿון מײַנע לונגען האָט אַרויסגעשריגן
מענטש־און חיה־קול —
איבער האָריזאָנטן,
איבער העלע וואָלקנס
געקרײַזלטע ווי שעפּסן־וואָל...

איז אַרויסגעקומען אַ שטערן
און זיך צוגעקוקט צו מיר —
צו די ערשטע לײדן... מאַטערנישן
אין אַ פֿריער וועלט.
צום ערשטן ביסל בלוט
פֿון באַשעפֿענישן אויף דער ערד...

דער שטערן האָט זיך צגעקוקט,
געוואונדערט אויפֿן מענטש,
וואָס קומט אַרויס פֿון וואַלד
נאַקעט, האָריק.
אויף זײַן פּנים טרויער־שווײַגן.

מ א י ר ס ע ג אַ ל

זיינע אויגן — צוויי ברוינע קאַשטאַנעס פון וואַלד
קוקן אויך אַזוי אַרויס דורך צווייגן.

דער שטערן האָט זיך צוגעקוקט:
צווישן מענטש און וואַלד דער ערשטער ריס,
ער האָט זיך אויסגעגליכן,
צום ערשטן מאָל זיך אויפגעשטעלט,
דער מענטש,
אויף זיינע אייגענע צוויי פיס...

איך קוק אַרויף צו דער זון

איך קוק אַרויף צו דער זון
און איך זאָג:
— זון,
אַנטליי מיר דיין רו.
איך וויל,
ווי דו, פֿאַר דיין לעצט־מינוטיקן פֿאַרגיין,
אויך אַזאַ לויטערער
און ריינער
פֿאַר די הימלען שטיין.

דו לייזט זיך אויף פֿאַר די הימלען
און איך פֿאַר די ערדיקע גריבער.
ווי דו וויל איך זיין:
פֿאַרגיין —
כדי אויפֿצוגיין ווידער.

ענטפֿערט די זון:
— אָ, נישט בעט צו מיר, מענטש, אין אָוונט־ציטער,
נישט זוך דורך די שטראַלן אַלץ צו פֿאַרשטיין.
פֿאַראַן אַזאַ שיינקייט,
וואָס מיט זיך קאָן מען ברענגען,
אַפֿילו צו די פֿינצטערסטע ערדיקע גריבער,
אויך ביי אַן איינמאָליק אייביק פֿאַרגיין.

מאיר סעגאַל

אינדערפרי

דאָס גרויע ליכט וועקט מיך אינדערפרי
און ציטערט אויף מיין מידן פנים.
אַלע צייכנס שניידן זיך צוריק אַריין אין מיר,
מענטשן זאָלן ווידער מיך דערקענען.

כ׳שפּאַן מיט ערשטן טראָט פון שטוב אַרויס.
אַ פרישער שניי הילט איין אין ווייסן אַלע מענטשן,
גאָט האָט איבער אַלעמען די הענט שוין אויסגעשפּרייט
און אַלע זאַכן אויף דער גרויסער ערד געטאָן שוין בענטשן.

און אויסגעלייגט אַזוי פיל העלע וועגן
פאַר אַלעמען אויף זיי צו גיין. —
גייט ווער מיט מאָרד, ווער מיט תפילה —
צו גאָט קומט באַזונדער יעדערער אַליין.

בין איך אויך איינער וואָס איז זוכה דעם ווייסן שניי
אויף קאָפּ און ברעמען טראָגן,
ווי ס׳טראָגןביימער־שפּיצן
ס׳ערשטע ליכט ביים פריען טאָגן.

זע איך: גאָט טוט אייביק עפענען זיין וועלט —
אייביק זאָגן ווי צום ערשטן מאָל „ס׳איז גוט.״
און אייביק וועט אַרומשוועבן זיין טרויער
אויף יעדער זאַך וואָס רוט.

באַגלייטן

גאָט אַליין קומט איצט אַראָפּ אויף אונדזער בייזער ערד,
אַן איינזאַמער וויינט ער איבער זיינע בלוטיקע ווייטן.
אָוונטיקער, טונקעלער ווערט איצט זיין אייגענע וועלט
און אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל
אין יענער טונקלקייט געמאַכט,
טוט אים איצט אין בלוט באַגלייטן...

מאיר סעגאַל

אויסקריצן

אַ האַנט זאָל אויסקריצן
ביים סוף פון מיינע טעג
אויף מיין מצבה־שטיין
מיינע לעצטע ווערטער:
מענטש מיט מענטש זאָלן ווערן זיך געטרייער.

וואָס וועט נאָך דיר בלייבן?
וואָס וועט נאָך אונדז אַלעמען בלייבן?
אַ לעצטע מוראַשקע אויף אַ מענטשנס אַקסל...
אַן אונטערגייענדיקער פּלאַנעט,
אַ זילבער־פּראָסט...
אַ פּייער, וואָס וועט פאַרפינצטערן די זון מיט פייער.

קרומקייטן און גלייכקייטן

אין צירק, ווי אין דער גאַנצער וועלט,
זיינען דאָ קרומקייטן און גלייכקייטן.
ווי אויף אַ וואָגשאָל — אַרויף, אַראָפּ, דער וואַקל.
דו מעגסט עפּעס אַראָפּנעמען, עפּעס צולייגן.
ווען בעסטו זען דער גאַנצער וועלטס
וואָגיקן און גערעכטן סך־הכל...

אין צירק רוישט, ס'שפּילט מוזיק. — דער קלאַון
צווישן מויל און ציין אַ שטעקן.
אויסצוגלייכן צוויי עקן־ליינען...
נאָר איין טרער פון שרעק פון קלאַון
איז אויף איין זייט פון שטעקן אַראָפּגערונען...
און קרומקייטן און גלייכקייטן
האָבן פאַרלוירן און — געוואונען.

די העלפאַנטן שלעפּן זיך שווערע דורך טריט ביי טריט.
זייערע מחשבות: פאַרבאָרגענע דרימלען...
דאָס צירק־ליכט דערמאָנט זיי
אין אַ רויט־רויטקייט פון אַן אַנדער לעבן
הינטער רויטע הימלען...

דאָ, זייער טרויער.
אַ הינטער זיך טראַכטן...
דאָרטן, אין די ווילדערנישן, זייער פרייד
אין די ברענענדיקע, קאַלטע, האַרבסטיקע פאַרנאַכטן.

מ א י ר ס ע ג אַ ל

פרייד צום מענטש

איך וויל נענטער,
נענטער צו דיר ווערן,
ווי אַ טרער אויף אַ טרער,
אַ טרער אין טרערן.
ווי די פרייד,
ווען ס׳עפנט אויף זיך אַ דאָרף מיט שטערן!

ווי דאָס טיקען פונעם זייגערל
נאָנט צו מיין הויט,
דאָס רויטע פייער־פלעמלס פרייד
שפרינגענדיק אויפן שפּיצן קנויט.

לייג אַ שמייכל אויף מיין פּנים
מיט אַ ווייטער האַנט —
פאַר מיר אַן אויפבוי — אַ הויז,
ווען ס׳קלאַפּט דער האַמער אין געהילץ
זילבער־טשוועקלעך.
אַ פרייד
פון אַ בלויען פאַרנאַכט!
ווען אויף אַ וויסן שניי פאָרט דורך
אַ שליטן, מיט קלינגענדיקע גלעקלעך.

אַליין שטייט דער ברונעם

אין דאָרפיש־שטערנדיקער נאַכט —
אַליין שטייט דער ברונעם.
און איבערן ליכטיקן וואַסער וויגן זיך די שטאַנגען.
דער עמער שפּאַנט אַ טונקעלער אין נאַכט.
אָ, ווער האָט דעם עמער ליידיקן
איבער ברונעם אויפגעהאָנגען?

אַ שטומער קוקט אַראָפּ דער עמער
מיט ווייטער בענקשאַפט — דורך טיפער נאַכט —
צו דעם וואָס איז אַ באָרוועסער
מיט לבנה־ליכט אַוועקגעגאַנגען.

דאָס וואַסער פונעם ברונעם ציט אַרויף
פול מיט גרויס־צעגרינטע שטערן.
און דער, וואָס גייט אין לבנה־ליכט,
פאַלט צו פרישער ערד אַראָפּ
און ווי אַ דורשטיקער טוט ער טיף אין זיך
פון די וויגנדיקע שטאַנגען זייער תפילה הערן:

— אַז יעדע פינצטערניש האָט אויך איר ליכט
און אַז פרייד פאַראַן איז אויך אין עמערס רינענדיקע טרערן.

אויפן פעלד, אויסגעצויגן — דער מענטש אַליין שלאָפט איין.
נאָר דאָס וואַסער פונעם ברונעם שפּאַרט פולער, העכער — —
און גיסט אַריבער זיך די ברעגן.
דער עמער לעכצט און טרוקנט אויס,
נאָר מיט קוואַלנדיקן וואַסער טרינקען אָן זיך
אין דאָרף שוין אַלע וועגן...

מ א י ר ס ע ג אַ ל

דער עמער פּלאַצט און פאַלט אַראָפּ,
וועקט אויף דעם מידן פון זיין שלאָף.
אַ טרויער איז אַדורך זיין גאַנצן לייב
פון דעם עמערס טויטן־רוף.

דער מידער שלאָפער, צעשויבערט, הייבט זיך אויף
און זעט אין נאַכט ווי ס׳לויפט און רופט צו אים
דאָס ווייסע וואַסער פונעם איינזאַמען ברונעם...
נאָר אויפן וואַסער האָט ער שוין די שפּענדלעך, איינציקע
און טרויעריקע — דערטרונקענע געפונען...

באַשאַף

איך דריי אַראָפּ אין לאָמפּ דאָס נאַכטיק פּייער,
בייג זיך טיף אַריין אין שטילער רו.
איך זע, ווי אַלץ געוואָרן וואָלט נאָר וואָס באַשאַפן
אין ציטער פון דער ערשטער שעה.

כ׳נעם אַראָפּ פון זיך די קליידער, —
ווי ס׳קאָן אַ מענטש נאָר זיין מיט זיך אַליין.
די שטערן קוקן טיף
דורך וויטקייטן אין מיר אַריין.

אין אַזוינע שטילע, ציטערדיקע מינוטן —
גייט אויף דאָס האַרץ, ווי פון אַ נביא ריין.
איז גוט צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן ווערן —
אַ טייל אַן אייביקער אין איר צו זיין.

איצט רוט נאָך אויף מיין לייב גאָטס פייכטער אָטעם.
זיין האַנט אויף מיר, אַ רגע בלויז.
ס׳קוקט די לבנה מיט וואונדער און פאַרגאַפונג
ווי דער לעצטער, דער באַשאַפענער, זעט אויס.

מאיר סעגאַל

ווען אָוונט־צייט קומט

גאָט, דו איינער,
וואָס האָסט פון הוילער לײדיקייט אַ וועלט געמאַכט, —
איז דאָך אַ וועלט אַזאַ פאַרבליבן.
פון אַלץ, וואָס וועט חרוב ווערן —
בלייבן וועלן דיינע טעג די אייביקע זיבן.

און פון דיינע טעג די זיבן
וועסטו צוריק אַ וועלט באַשאַפן.
דורך פינצטערניש אַ וועג געפינען,
דאָס ליכט פון דער וועלט איז פאַרחושכט —
און ס׳קאָנען קיין ענטפערס נישט געבן די בלוטיקע זונען.

דאָך, ווען אָוונט־צייט קומט —
און ס׳קומען די שטילע שטערן,
פרעג איך תפילהדיק ביי גאָט:
— און וואָס וועט זיין, אַז אויך די זיבן טעג וועלן חרוב ווערן?
נאָר ס׳גיט נישט קיין ענטפער גאָט,
נישט מיר, און נישט מיין בלוטיקן דור.

* *
*

צווישן די צען ליריקערס, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם צווייטן באַנד „זאַמלביכער״, רעדאַקטירט פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק (ניו יאָרק, יאַנואַר 1937), געפינען זיך פיר אַמעריקאַנער: יוסף ראָלניק, אסתר שומיאַטשער, ה. רויזנבלאַט, דער יונגער מאיר סעגאַל.

די רעדאַקציע פון „זאַמלביכער״ האָט גוט געטאָן וואָס זי האָט דעם יונגן, באַגאַבטן מאיר סעגאַלס סעריע פון ווינטער־לאַנד אַריינגענומען אין „זאַמלביכער״. ס׳איז דאָ אַ פרישקייט אין זיין תמימות.

אָט ווי עס הייבט זיך אָן איינס פון זיינע שטילע אָרנטלעכע לידער — „אָן היימען״:

> מיטן טונקעלן אָוונט קומען זיי אָן אין פּאַרקס
> ווען ס׳פאַלן פון צווייגן קופּערנע בלעטער
> און לאָזן זיך אַראָפּ אויפן שטיינערנעם ברוק
> און זינקען אַריין אין נאַכט אין שפּעטער.

ש. ניגער

פון אַ לעזערס און אַ שרייבערס נאָטיץ־בוך.
„דער טאָג״, 6 יוני 1937

מאיר סעגאַל

* *
*

מאיר סעגאַל האָט געמאַכט אַ שריט פאָראויס אין זיין פּאָעטישן שאַפן. ער הויבט אָן רייף צו ווערן. קלאָר איז ער שוין פריער געווען, איצט האָט זיך געוויזן ביי אים אַ פולקייט. זיין קוואַל איז — די נאַטור. ער איז איינער פון זייער אַ קליינער צאָל יונגע יידישע פּאָעטן, וואָס ווערן אינספּירירט פון וואַלד, ווינט און שניי...

אָ, נעם אונדז אין זיך אַריין, דו ווילדער וואַלד,
און גיב אונדז אָפּ צוריק דאָס שטומע שווייגן.
נעם דאָס מעסער אָפּ, די האַנט, וואָס גיסט מיט בלוט,
און דעק אונדז ווידער איין אונטער דיינע צווייגן.

אָדער:

בלויע נאַכט, שמאָלער וועג,
כ׳טראָג אויף מיינע אַקסלען אַ פּאַק מיט געהילץ
און שלאָג אויףביים ברעג אַ טיש, אַ בעט —
בוי מיר אויף אַ געצעלט.
דורך איין מינוט לויכט די לבנה מיך אַדורך
מיטן ליכט פון דער גאַנצער וועלט.

פאַרהאַקט די טיר פון מיין געצעלט:
נו, איצטער וועל איך רוען איין אַליין.
ס׳לויפט דער ווינט די ערד אַדורך —
און לייגט זיך ביי מיין טיר אין קאַלט געוויין.

אָ, קאַלט געוויין, כ׳דערשפּיר דורך דיר די גאַנצע וועלט
אין מיטנאַכט־שעה דורך אַלע מיינע גלידער —
וואָיע טיפער דורך דורך מיר,
און טראָג זיך אין געדריי
צוזאַמען מיטן גרויען וואָלפס געוואָי —
צו זיינע פיס די מידע,
פאַלט אין שפּעטן הונגער
אויף מיין אייגענער געשריי.

לידער

אין דעם דאָזיקן ליד, ווי אין אַ פּאָר אַנדערע לידער, הערן זיך לייוויק־טענער. בכלל אָבער האָט מאיר סעגאַל זיין אייגענעם טאָן, — און ווי אַנדערע פּאָעטן פון אונדזערע טעג לויכט די לבנה אים אַדורך מיטן ליכט פון דער גאַנצער וועלט.

ש. ניגער
וועגן דער פּאָעזיע אין י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויקס דריטן באַנד „זאַמלביכער"
„דער טאָג", 28 אויגוסט 1938

מאיר סעגאַל

* *
*

די פּאָעטן מאיר סעגאַל, יעקב גלאַנץ און בעריש וויינשטיין זאָגן אונדז בפירוש, אַז אונדזער איצטיק לעבן און אונדזערע איצטיקע איבערלעבענישן זיינען רינגען אין דער קייט פון דורות, המשך־רינגען...

דורך אַלע פענצטער זאָלן אויפלויכטן אונדזערע לייבער
און ברענען ווי רויט־האָריקע פעלן אין אייביקן צאָרן,
ס׳איז נישט קיין געשריי אַזאַ דורך פינסטערע שויבן,
ס׳איז אַ יאָמער פון דורות, דורך טויזנטער יאָרן.

— —

דיך זוכענדיק, וויקלען מיר זיך אין טליתים,
בינדן אונדזערע ווייסע הענט, די צעקנייטשטע שטערנס אין תפילין.
מיר הערן נאָך פון חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש —
פון די לויים — דאָס שיינע טרויעריקע שפּילן.

(ז. 24)

אַזוי זאָגט מאיר סעגאַל.

מאיר סעגאַל האָט אין „המשך״, אַזוי ווי ער האָט געהאַט אין „זאַמלביכער״ — פּייזאַזשן. מיר האָבן ווינציק אַזוינע פיינע לירישע פּייזאַזשיסטן אין דער יונגער יידישער פּאָעזיע. מאיר סעגאַל גיסט צונויף זיינע סאָציאַל־עטישע איבערלעבונגען מיט די איינדרוקן, וואָס ער האָט פון דער נאַטור.

די שטערן גרינען, ציטערן אויף שנייאיקע פעלדער,
גאָט רופט דעם מענטשן, זוכט אין שפעטקייט די חיה.

לידער

גאָט, לאָז צוריק דעם טונקעלן ווינט אויף דער ערד,
ברענג אום די וועלט, באַשאַף זי ווידער אַ נייע.

(ז. 21)

מאיר סעגאַלס תמימות גיט־צו זיינע פערזן עפעס גאָר אַ באַזונדערן חן.

ש. ניגער

וועגן דער פּאָעזיע אין זאַמלבוך „המשך" באַנד. 1.
„דער טאָג", 7טער מאַי 1939.

מאיר סעגאַל

* *
*

אין פינפטן באַנד „זאַמלביכער" זיינען, אַחוץ מאַרק שאַגאַלן רעפּרעזענטירט צען יידישע פּאָעטן פון אַמעריקע און דאָס זיינען רעפּרעזענטאַטיווע דיכטער. פון די „נישט פּאַרטייאישע" צווישן די צוויי וועלט־מלחמות זיינען דאָ פאַראַן י.י. סיגאַל, אפרים אויערבאַך, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און — פון די יינגערע — מאיר סעגאַל.

צווישן די עלף פּאָעטן פון פינפטן באַנד „זאַמלביכער" איז דאָ נאָר איינער — און דאָס איז דער יינגסטער, מאיר סעגאַל, וואָס קיין איין ליד זיינס רירט נישט אָן דעם גורל פונעם יידישן פאָלק. מאיר סעגאַל איז אין זיין ליריק אַליין — אַליין מיט גאָט און זיין באַשאַף... אָט הערט ער אַ תּפילה פון די שטערן. ער הערט זיי זאָגן: „אַז יעדע פינסטערניש האָט אויך איר ליכט, און אַז פרייד פאַראַן איז אויך אין עמערס רינענדיקע טרערן". איז ער געוואָרן אַ זינגער פון פריידז? אָ, ניין. צופיל און צו טיף האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט גאָטס צער, דעם צער פון דער וועלט. און כאָטש עס טרעפט ביי אים, אַז ער פילט „ווי אַלץ געוואָרן וואָלט נאָר וואָס באַשאַפן" און ווי ער אַליין וואָלט צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן געוואָרן:

„איצט רוט נאָך אויף מיין לייב גאָטס פייכטער אָטעם"

איינע פון זיינע שענסטע שורות. און כאָטש ער פילט זיך געשטאַרקט פון דעם, וואָס —

בין איך אויך איינער, וואָס איז זוכה דעם ווייסן שניי
אויף קאָפּ און ברעמען טראָגן,
ווי ס׳טראָגן ביימער־שפּיצן
דאָס ערשטע ליכטביים פריען טאָגן. —

כאָטש ער פילט זיך איינס מיט דער נאַטור, זאָגט ער צום שלוס פון זיין ציקל לידער

לידער

„זע איך: גאָט טוט אייביק עפענען זיין וועלט,
טוט אייביק זאָגן, ווי צום ערשטן מאָל, „ס׳איז גוט״
און אייביק וועט אַרומשוועבן זיין טרויער
אויף יעדער זאַך וואָס רוט״...

גאָטס אייביקער טרויער... ער איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ער איז אינעם גאַנצן זאַמלבוך דער איינציקער פּאָעט, וואָס האָט נישט פאַרלאָזן די גרענעצן פון ריינער איך־ליריק.

ש. ניגער

וועגן דער פּאָעזיע פון אָפּאַטאָשו, לייוויק 5־טער באַנד „זאַמלביכער״.

באַטייליקטע פּאָעטן: ה. לייוויק, מאַני לייב, אַהרן צייט־ליז, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, מאיר סעגאַל, אַ. לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין, מלך ראַוויטש, י.י. סיגאַל, אפרים אויערבאַך, מאַרק שאַגאַל.

מאיר סעגאַל

* *
*

אָט קוק איך אַריין אין די עטלעכע קורצע לידער פון מאיר סעגאַל, וואָס קומען אינעם זאַמלבוך נאָך די לידער פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. מיר איז נישט באַקאַנט גענוג מאיר סעגאַלס קינדהייט, ווייס איך נישט, ווי שטאַרק ער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם תנ״ך. אָבער דעם אָטעם פון תנ״ך דערשפּיר איך גלייך אין זיינע שורות:

„אין אַזוינע שטילע ציטערדיקע מינוטן
גייט אויף דאָס האַרץ ווי פון אַ נביא ריין.
איז גוט צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן ווערן
אַ טייל אַן אייביקער אין איר צו זיין.״

נאָך מער אין די שורות:

„גאָט האָט איבער אַלעמען די האַנט שוין אויסגעשפּרייט
און אַלע זאַכן אויף דער גרויסער ערד געטאָן
שוין בענטשן״...

און נאָך מער אין די שורות:

„זע איך: גאָט טוט אייביק עפענען זיין וועלט,
טוט אייביק זאָגן, ווי צום ערשט מאָל, „ס׳איז גוט״
און אייביק וועט אַרומשוועבן זיין טרויער
אויף יעדער זאַך, וואָס רוט״

אָן דעם געמיט פון חומש, פון ויאמר אלהים כי טוב, וואָלט מאיר סעגאַל נישט געקאָנט אויפשרייבן אַזוינע וואַרעמע בראשית־שורות...

ה. לייוויק
תנ״ך אין אונזער ליטעראַטור.
„דער טאָג״, 18 נאָוועמבער 1945.

* *
*

מיין ליבער מאיר סעגאַל,

איך האָב שוין לאַנג אייך געוואָלט אָנשרייבן אַ בריוו, נאָר ס׳איז עפּעס נישט אויסגעקומען. אין שטאָט איז מען צו פיל פאַרדרייט און פאַרטאָן. אייער בריוו, וואָס איר האָט מיר געשריבן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אין ניו־יאָרק, האָט מיך, בשעתו, זייער שטאַרק גערירט מיט זיין אמתדיקייט און שטילן טרויער.

איך בין צופרידן פון אָט דעם שטריך אין אייך. האַלט אָן צו גיין אויף דעם וועג פון אינערלעכער לייטערונג און פאַרשטענדעניש פון לעבן און מענטשן. קוקט אין זיך, אין דער טיף פון דער אייגענער נשמה און זעט אויך ליכטיקייט און אַ ביסל פרייד. אייערע לידער זענען אמתדיקע און פיינע. דעקט אויף וואָס מער אייערע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, זוכט וואָס רייכערע פאָרמען און אויסדרוקן פאַר זיי. איך בין צופרידן וואָס איר פילט מיין צוטרוי צו אייך און איך דערוואַרט פון אייך נאָך אַ סך גוטע לידער — לידער, וואָס וועלן אויספורעמען אַ פיינע פערזענלעכקייט פון אייך. איך בין אויך שטאַרק צופרידן וואָס איר האָט צוטרוי צו מיר, און וואָס איר האָט בכלל אַ שיינעם צוגאַנג צו עלטערע שרייבער. דאָס איז נישט אַזאַ אָפטע דערשיינונג אין די איצטיקע טעג פון חוצפה און פוסטער גאווה. — ווייכט פון באַרימער און שרייער. שווער צו לעבן אין דער היינטיקער צייט, אָבער לעבן מוז מען, און לידער — אמתע לידער — זענען נצחון פון לעבן.

איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס אייערע לידער אין דריטן „זאַמלבוך״ נעמען אויס. זאָל עס אייך געבן מוט.

אייער, מיט אמתער פריינטשאַפט —

ה. לייוויק
ליבערטי, ניו־יאָרק, 5 יוני 1938.

* *
*

ליבער מאיר סעגאַל,

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער בוך לידער. כאָטש לידער זענען נישט דער אויסדרוק פון מיין וואָרט, האָב איך דאָך פיל נחת געהאַט פון אייער זאַפטיקער שפּראַך, אייער קערענדיקן זאַץ, און אייער פיינעם געפיל פאַר קאָליר און ליכט. באַזונדערס האָט מיך זייער דערפרייט אייער מאָלן פון לאַנדשאַפטן. איר זעט גאָטס וועלט זייער שיין. און דאָס איז אַ גרויסע זאַך אין אונדזער שווערער צייט...

פאַר אייער גרויס־פּאָעטישן אומעט — אַ געזאַנג!
פאַר אייער ווייטיק — אַ געשריי. —

דאָס ליד: „כ׳שפּרייט אויס די הענט איבער קאַלטע שטיינער״ פאַרמאָגט ביידע.

מיט גרוס אייער —

שלום אַש
סטעמפאָרד, קאָנע.